19 מיר. און ער האָט באַפֿוילן די המונים מענטשן
זיך אַנידערצוזעצן אויפֿן גראָז; און האָט גענומען די
פֿינף לעבלעך ברויט, און די צוויי פֿיש, האָט
אַרויפֿגעבליקט צום הימל און געמאַכט אַ ברכה,
און האָט צעבראָכן און געגעבן די תלמידים די
20 ברויטן, און די תלמידים צו די מאַסן מענטשן. און
אַלע האָבן געגעסן, און זענען זאַט געוואָרן, און
זיי האָבן אויפֿגעהויבן, וואָס איז איבערגעבליבן
21 פֿון די ברעקלעך, צוועלף קערב פֿול. און די, וואָס
האָבן געגעסן, זענען געווען אַן ערך פֿינף טויזנט
מענער, אַ חוץ פֿרויען און קינדער.
22 און ער האָט גלייך געצוואונגען די תלמידים
איינצושטייגן אין דעם שיפֿל, און אַריבערצופֿאָרן
פֿאַר אים אויף יענער זייט ים, ביז ער וועט אָפּלאָזן
23 די המונים מענטשן. און ווען ער האָט געהאַט
אַוועקגעשיקט די מאַסן, איז ער אַרויפֿגעגאַנגען
אויפֿן באַרג, כדי אַליין תפֿילה־צו־טון; און ווען עס
איז געוואָרן אָוונט, איז ער דאָרטן געווען איינער
24 אַליין. דאָס שיפֿל אָבער איז שוין געווען אַ סך
מיילן פֿון דער יבשה, האַרט געשטויסן פֿון די
כוואַליעס; וואָרום דער ווינט איז געווען אַנטקעגן.
25 און אין דעם פֿערטן משמר פֿון דער נאַכט איז ער
26 געקומען צו זיי, גייענדיק אויפֿן ים. און ווי די
תלמידים האָבן אים דערזען אַרומגיין אויפֿן ים,
האָבן זיי זיך דערשראָקן, און געזאָגט: עס איז אַ
27 געשפּענסט! און האָבן געשריגן אויס מורא. ישוע
אָבער האָט גלייך צו זיי גערעדט, אַזוי צו זאָגן:
זייט געטרייסט! איך בין עס; האָט נישט קיין מורא!
28 פּעטרוס אָבער האָט ענטפֿערנדיק צו אים געזאָגט:
האַר, אויב דו ביסט עס, הייס מיך קומען צו דיר
29 אויפֿן וואַסער! און ער האָט געזאָגט: קום! און